**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארעפנטליכונג פון I-787 שאסיי ענווייראמענטאלע שטודיע**

***אונטערנעמונג צו פונדאסנײי אויסשטעלן I-787 רוקט זיך פאראויס מיט צוריקגעהערטע געדאנקען פון די פובליקום פון פלאנירונג און ענווייראמענטאלע הינזיכטן שטודיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארעפנטליכונג פון די ערשטיגע פלאנירונג און ענווייראמענטאלע הינזיכטן (Planning and Environment Linkages, PEL) שטודיע פאר די אינטערסטעיט 787 שאסיי אין אלבאני קאונטי. די שטודיע — א צוזאמענארבעט צווישן די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation, (NYSDOT און די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע (Federal Highway Administration, FHWA) — ציהלט צו אדרעסירן טראנספארטאציע באדערפענישן לענגאויס די I-787 שאסיי, בשעת'ן פונדאסנײי פארבינדן קאמיוניטיס און פארגרינגערן צוטריט צו די האדסאן ריווער וואסער ברעג.

די I-787, געבויט אין די 1960'ער יארן, לויפט פאראלעל צו די האדסאן ריווער און באדינט די סיטיס אָוו אלבאני און וואָטערווליעט און אזוי אויך די טאונס אָוו קאלאני און מענענדס און די ווילעדזש אָוו גרין איילענד. די PEL שטודיע באטראכט עטליכע אפציעס פאר די איבערבויאונג פון די I-787 שאסיי, עס שלאגט פאר פארשידענע באריכערונגען צו די קוואליטעט פון לעבן פון לאקאלע איינוואוינער און בויט ארויף אויף די 2018 הויפטשטאט ראיאן טראנספארטאציע קאונסיל'ס ( Capital Region Transportation Council) I-787 האדסאן וואסער ברעג שאסיי שטודיע ( I-787 Hudson Waterfront Corridor Study) – וואס האט אויסגערעכנט פארשידענע געדאנקען און נאך אנאליזן וואס פעהלן אויס צו פארבעסערן די שאסיי'ס אינפראסטרוקטור – און האט אנגעוויזן אויף געלעגנהייטן צו פונדאסנײי פארבינדן קאמיוניטיס צו די טייך און איינע צו די אנדערע.

"די האדסאן ריווער וואסער ברעג איז איינס פון די הויפטשטאט ראיאן'ס וויכטיגסטע אוצרות, און די קאנסטרוקציע פון די I-787 האט אוועקגענומען צוטריט צו די נאטורליכע וואונדער פאר דורות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שטודיע גיבט פריאריטעט פאר ניו יארקער וועלכע וואוינען און ארבעטן נעבן די I-787 דורכן זוכן צו ברענגען א מער צוגענגליכע וואסער ברעג פאר יעדן און פארשטעלנדיג באדייטנדע פארשלאגן פאר קוואליטעט פון לעבן וואס וועלן ארומדרייען זייער קאמיוניטי צו גוטן."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט, טוהען מיר פונדאסנײי אויסשטעלן עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און ארבעטן צו פונדאסנײי אוועקשטעלן פארבינדונגען אינערהאלב קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט, אריינרעכנענדיג אלבאני – ווי עס איז פארבינדונגען צו דערנעבנדע קאמיוניטיס, צו די וואסער ברעג, צו ביזנעסער אדער צו האוזינג – וועלכע זענען צוטיילט געווארן ווען די I-787 איז צום ערשט געבויט געווארן. די שטאפל פון אינטערעסע און באטייליגונג פון די פובליקום אין די אונטערנעמונג צו איבערארבעטן די I-787 שאסיי איז דערפרישנד, און איך קוק ארויס צו

זעהן די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט די קאמיוניטי וואס וועט האבן א דירעקטע השפעה אויף די צוקונפט פון די שאסיי."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "די היינטיגע ערשטיגע שטודיע שפיגלט אפ א געמיינזאמע, לעכטיגערע חזון פאר אונזער הויפטשטאט ראיאן. דורכאויס דעם פראצעדור איז אונזער קאמיוניטי געווען פארמישט פון די נאענט אין יעדע שטאפל. ווען מיר האבן אנגעהויבן מיט דעם חזון עטליכע יאר צוריק, האט עס אויפגעפלאמט א באגער אין דעם הויפטשטאט ראיאן צו זעהן אונזער פולע פאטענציאל ווערנדיג פארווירקליכט אין פארעם פון א פונדאסניי פארבינדענע האדסאן ריווער וואסער ברעג. מיר רוקן זיך נאענטער צו די ענדגילטיגע דעזיין און קאנצעפט, און איך מוטיג די פובליקום צו פארזעצן צו לאזן הערן זייערע שטימעס. צוזאמען טוהען מיר אויספלאסטערן די וועג פאר א נייע צוקונפט פאר אונזער ראיאן וואס וועט פאררעכטן היסטארישע אומרעכטן און שאפן א נייער הויפטשטאט ראיאן פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער, RPh, האט געזאגט,** "דאס אויסהערן געדאנקען פון אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער אין באציאונג צו די צוקונפט פון I-787 איז א וועזנטליכע זאך. די NYSDOT האט פאררופן אן אפענע באגעגעניש צו ערלויבן פאר נאך געדאנקען פון די פובליקום צו אויסגעהערט ווערן איבער די ערשטיגע באריכט. דורכאויס דעם פראצעדור האט די NYSDOT אפגעהאלטן מערערע פובליקום מיטארבעט באגעגענישן, פארשטייענדיג אז די געדאנקען פון אונזערע איינוואוינער זענען קריטיש."

**סיטי אָוו אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען די גאווערנער, די DOT און אונזערע שותפים אין די לעגיסלאטור פאר זייער פארגעזעצטע איבערגעגעבנקייט צו די -Reimagine 787 שטודיע. אלס די מעיאר פון אלבאני, בין איך באגייסטערט איבער די פאטענציאל פאר דעם פראיעקט צו פונדאסניי פארבינדן אונזער שטאט צו איר וואסער ברעג. איך מוטיג אונזערע איינוואוינער צו לאזן הערן זייערע שטימעס דורך עפנטליכע קאמענטארן און זיין פארמישט אין דעם פראצעדור. די געדאנקען וואס איר וועט לאזן הערן אויף דעם פראיעקט וועלן העלפן בויען די שטאט וואס מיר שטעלן זיך פאר צו זיין מעגליך."

**סיטי אָוו רענסעליער מעיאר מייקעל סטעמעל האט געזאגט,** "איך האב געזעהן אסאך קאמיוניטי שטיצע פאר די Reimagine 787 פון אלבאני און רענסעליער איינוואוינער און פון מערערע בירגערליכע גרופעס. די מעגליכקייט פאר עפנטליכע צוטריט צו די היסטארישע האדסאן ריווער אן בריק זיילן, ראמפעס און שאסייען העכער די קאפ וועלן לעכטיגער מאכן שטאטישע צענטערן אויף ביידע זייטן פון די טייך בשעת'ן צושטעלן ביזנעס געלעגנהייטן און נאכאלץ ערמעגליכן צוטריט צו די אינטערסטעיט I-87 און I-90."

הונדערטע איינוואוינער און פארמישטע קערפערשאפטן האבן זיך באטייליגט ביי צוויי אפענע באגעגענישן אין אלבאני'ס שטאט-צענטער — אין יולי פון 2023 און אין מאי פון 2024 — און האבן געפירט צו טויזנטע קאמענטארן וועלכע האבן געגעבן געדאנקען פאר די אנטוויקלונג פון די ערשטיגע PEL באריכט. אין צוגאב האט די NYSDOT אפגעהאלטן צענדליגע קלענערע אפענע קאמיוניטי באגעגענישן אין לויף פון די פארגאנגענע יאר צו זיכער מאכן אז יעדער וואס אן אינטערעס דערין האט באקומען די געלעגנהייט צו זיין טייל פון דעם פראצעדור.

די מיטארבעט מיט די פובליקום וועט פארזעצן קומענדיגע וואך מיט אן אפענע באגעגעניש פלאנירט פאר מיטוואך, אקטאבער 23, פון 4 נאכמיטאג ביז 7 אוונט אויף די ערשטע שטאק פון די Albany Capital Center אין אלבאני'ס שטאט-צענטער. דער פראגראם וועט אריינרעכענען מיטגעטיילטע איינצלהייטן פון די ערשטיגע באריכט און אזוי אויך קאנצעפטן וויאזוי צו אדרעסירן טראנספארטאציע באדערפענישן און

פארגרינגערן קאמיוניטי פארבינדונגען און וואסער ברעג צוטריט לענגאויס די I-787 שאסיי. די "Reimagine I-787" שטודיע מאנשאפט וועט אויך זיין אויפן פלאץ ביי ספעציעלע סטאנציעס צו איבערשמועסן די קאנצעפטן, ענטפערן פראגן און צוריקהערן קאמענטארן.

אין צוגאב צו די גרויסע אפענע באגעגעניש, וועט די NYSDOT צוריק אנהויבן אפהאלטן קלענערע, קאמיוניטי-קאנצענטרירטע געשעענישן ביי די פאלגנדע לאקאציעס:

- The First Church in Albany: 110 North Pearl Street, דינסטאג, אקטאבער 29, 5 נאכמיטאג ביז 7 אוונט
- Albany Housing Authority: 200 South Pearl Street, מיטוואך, אקטאבער 30, 5 נאכמיטאג ביז 7 אוונט
- Howe Library: 105 Schuyler Street, מיטוואך, נאוועמבער 6, 5 נאכמיטאג ביז 7 אוונט

די NYSDOT איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אלע פארמישטע קערפערשאפטן האבן גענוג געלעגנהייטן צו לערנען איבער- און לאזן הערן זייערע געדאנקען איבער די PEL שטודיע אזוי ווי עס מאכט פארשריט. צו לערנען מער איבער די שטודיע, אדער צו ארייננגעבן קאמענטארן, באזוכט ביטע די שטודיע'ס וועבזייטל אויף: 787.dot.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן